קונטרס

# יפה ירושתינו

משנת אדונינו מורינו ורבינו צדיק הדורות
נגמ"ח מוהר"ן מברסלב זצוק"ל
מפי
**הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א**

**ספה"ק משיבת נפש**
אות י"ב י"ג

**אידיש**
מועתק מלשונו הזהב

קונטרס ט'
חודש אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: **yyryms1@gmail.com**
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$
עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודאה בקול דורשי יחודך נומער 9, או לשלוח אימעל בבקשה

©
כל הזכויות שמורות

בסיוע בית הגה"צ מורינו שליט"א

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


זי וויל פארט צוריקקומען ........................ ב
אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום ........................ ג
געוואוסט אויב די כלי איז גע'טובל'ט ........................ ד
בלויז איין הסתרה ........................ ה
די צוויי-פאכיגע הסתרה ........................ ז
דער טייטש פון "לשמָהּ" ........................ ח
אנהויבן שאקלען דער ליפן ........................ ט
ביי מיר זענט איר "מיינע קינדער" ........................ י
"וְחִכִּיתִי לַה' הַמַּסְתִּיר פָּנָיו" ........................ יא
ממשיך זיין חיות פון דעם העכסטן פלאץ ........................ יד
אלע וועלן זיך אומקערן! ........................ טו

# קונטרס ט

## אותיות: י"ב י"ג

### אות י"ב

**יֵשׁ שֶׁעָבְרוּ עֲבֵרוֹת כָּל כָּךְ עַד שֶׁנָּפְלוּ בִּבְחִינַת הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה וּמֵחֲמַת זֶה נִדְמֶה לָהֶם, שֶׁאֵין לָהֶם עוֹד תִּקְוָה חַס וְשָׁלוֹם.**

**כִּי עָבַר וְשָׁנָה נַעֲשָׂה לוֹ כְּהֶתֵּר - זֶה בְּחִינַת הַסְתָּרָה אַחַת. אֲבָל כְּשֶׁעָבַר יוֹתֵר חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִסְתָּר מִמֶּנּוּ בִּבְחִינַת הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה, וַאֲזַי קָשֶׁה מְאֹד לִמְצֹא אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ.**

**אֲבָל בִּבְחִינַת עֵסֶק הַתּוֹרָה יְכוֹלִין לְעוֹרֵר גַּם אוֹתוֹ וּלְהוֹדִיעוֹ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיֵּשׁ לוֹ תִּקְוָה גַּם כֵּן עַד שֶׁיָּשׁוּב אֶל הָאֱמֶת וְיִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי בֶּאֱמֶת בְּכֹחַ הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תָּמִיד בְּכָל עֵת אֵיךְ שֶׁהֵם בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם (שָׁם נ"ו).**

עס זענען פאראן אזעלכע וואס האבן שוין עובר געווען אויף אזויפיל עבירות ביז זיי זענען ארייגעפאלן אין דער בחינה וואס רופט זיך: "הסתרה שבתוך הסתרה" [- א באהעלטעניש אינערהאלב א באהעלטעניש]. דעריבער דאכט זיך זיי אז זיי האבן שוין מער נישט קיין האפענונג חס ושלום.

ווייל אז מען זינדיגט איינמאל-צוויי מאל, ווערט עס ביי אים אזוי ווי מותר - אבער דאס איז נאר איין הסתרה. אבער אז ער איז חס ושלום עובר מערערע מאל, באהאלט זיך דעמאלס דער אויבערשטער פון אים מיט דער בחינה פון "הסתרה שבתוך הסתרה", וואס דעמאלס איז גאר שווער צו טרעפן דעם אויבערשטן.

אבער מיט דער בחינה פון 'עוסק זיין אין תורה' קען מען אים דערוועקן און אים צו וויסן טון פון דעם אויבערשטן - אז ער האט נאך אויך האפענונג, ביז ער וועט זיך צוריקקערן צום אמת און דערנענטערט ווערן צום באשעפער. ווייל אינ'אמת'ן, מיט דעם כח פון די אמת'ע צדיקים קען מען שטענדיג מקורב ווערן צום אויבערשטן אין יעדן מצב - ווי אזוי מען איז נאר - און אין יעדן פלאץ אוואו מען איז נאר.

(ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו)

## זי וויל פארט צוריקקומען

**"יֵשׁ שֶׁעָבְרוּ עֲבֵרוֹת כָּל כָּךְ עַד שֶׁנָּפְלוּ בִּבְחִינַת הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה, וּמֵחֲמַת זֶה נִדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵין לָהֶם עוֹד תִּקְוָה חַס וְשָׁלוֹם. כִּי עָבַר וְשָׁנָה נַעֲשָׂה לוֹ כְּהֶתֵּר - זֶה בְּחִינַת הַסְתָּרָה אַחַת".**

דאס הייסט אזוי; דער רבי זאגט דאך אין "ספר המידות"[א]: **"הפשע מכניס כפירה באדם"**. אז א מענטש טוט א פשע, ער איז עובר אויף א 'לַאו' חס ושלום, ער טוט אַן עבירה, פאלט ער אריין אין א הסתרה, דער אויבערשטער ווערט נסתר פון אים.

ממילא, אז עס גייט אוועק אַן אור, ווערט דערוועקט א חושך, האט ער קשיות, האט ער כפירות און אפיקורסות, איז ער אין א הסתרה[ב].

---

**א.** ערך אמונה אות כ"ב.

**ב.** עיין ספר 'דורשי יחודך' (פסח ח"א מאמר ב') וז"ל מורינו שליט"א על דברי המדרש (תהלים מזמור יח) 'אמר רבי סימון, כל מי שנעשה לו נס ואומר שירה בידוע לו שמוחלין לו על כל עוונותיו ונעשה בריה חדשה': איך האב אמאל געטראכט א שייכות וואס האט 'אמונה' צו 'מחילת עוונות'? נאר דער רבי זאגט אין ספר המידות: "הפשע מכניס כפירה באדם". אויב דו גלויבסט, דו האסט צעבראכן די כפירות, האסטו צובראכן דעם עון, איז אויס 'עון'. אז מען האט א אמונה טהורה, דאס איז דער היפך עוונות. דערפאר איז מען 'מוחלין לו ונעשה כבריה חדשה'.

די זעלבע זאך, דאס אליין אז ער טוט אַן עבירה חס ושלום, ווערט שוין א הסתרה - אז די עבירה ווערט ביי אים גרינג, **'נעשית לו כהיתר'**[ג], ממילא איז אים זייער שווער זיך צו מתגבר זיין על יצרו, ווייל עס איז שוין ביים אים 'כהיתר', ממילא פאלט ער 'מדחי אל דחי' חס ושלום, אז עס דאכט זיך אים שוין אז ער ווייסט נישט ווי ער וועט קענען צוריק קומען צו השם יתברך.

ווייל דער פנימות הלב, אפילו ווען א מענטש פאלט אריין אין א הסתרה, אבער די נשמה שרייט - זי וויל פארט צוריקקומען צו השם יתברך.

## אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום

עס איז דא א כלל[ד]; עס שטייט, דער **"אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ"**[ה] דאס איז דער שורש פון אלע 'מצוות עשה'; פון יעדן 'עשה' וועט מען זען לעתיד ווי עס וועט ווערן פון דעם א שטיק השגה אין דעם אויבערשטן. און **"לֹא יִהְיֶה לְךָ"**[ו] דאס איז דער שורש פון אלע 'מצוות לא תעשה', ווייל מיט יעדער עבירה וואס א מענטש טוט, גיט ער כח דער סטרא אחרא, קומט אויס, איז עס אזוי ווי ער דינט עבודה זרה חס ושלום.

דער "אנכי" מיט דעם "לא יהיה לך" דאס איז טאקע געגעבן געווארן מפי הקדוש ברוך הוא בעצמו[ז].

---

**ג.** יומא פו ע"ב: דאמר רב הונא, כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה, הותרה לו. הותרה לו סלקא דעתך? אלא אימא נעשית לו **כ**היתר.

**ד.** תיקוני זוהר דף סד; גם עיין אוהח"ק על שמות כ, י; של"ה הקדוש על שמות - תורה אור - אות ב', ועוד ועוד.

**ה.** שמות כ', ב'.

**ו.** שם ג'.

**ז.** מכות כד ע"א.

עס איז דא א מדרש[ח]: בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט דעם "אנכי" און "לא יהיה לך", "**נקבע כל התורה בלבם**" - האבן זיי שוין נאכדעם פארשטאנען די גאנצע תורה. ווייל אין דעם "אנכי" איז כלול אלע מצוות עשה, און אין דעם "לא יהיה לך" איז כלול אלע 'מצוות לא תעשה'.

קומט אויס, אז א מענטש איז עובר אויף אַן עבירה, אדער ער איז עובר אויף אַן 'עשה', האט ער זיך אפגעריסן פון השם יתברך, איז ער גורם א הסתרה חס ושלום[ט].

## געוואוסט אויב די כלי איז גע'טובל'ט

עס שטייט פון אר"י הקדוש[י], די צדיקים וואס זענען מושלמים מיט א געוואלדיגע אמונה, מיט א געוואלדיגע 'סור מרע', מיט א געוואלדיגע 'עשה טוב', און טוען אלע מצוות מיט א שלימות און זענען אפגעהיטן פון אלעם - סיי אין דאורייתא'ס, סיי אין אלע דרבנן'ס, איז די צדיקים אז זיי פארמאכן די אויגן, זעען זיי דעם שם הוי"ה.

פארוואס? ווייל די גאנצע תורה איז א שם הוי"ה, ממילא אז דער מענטש איז מקיים דער גאנצער תורה, רוהט אין אים דער שם הוי"ה,

**ח.** שיר השירים רבה א', ד'.

**ט.** פירוש: כי אם עבר על איזה מצות עשה - אזי פוגם בַּדיבור "אנכי" שהוא שורש כל מצוות עשה - ומורה על מציאותו ית', ואם עבר על איזה לַאו - אזי פוגם בדיבור "לא יהיה לך" שהוא שורש כל הלאוין – ומורה ג"כ על מציאותו ית', נמצא כשפוגם בהם נסתר ממנו מציאותו ית'.

**י.** פרי עץ חיים - שער ראש השנה, הקדמה: ואחר שתיקן פגם העוונות (- בימי הסליחות), אז ינסה בעצמו אם נשמתו מתוקנת, והוא שיסגור עיניו, ויצייר במחשבתו שם הוי"ה, אם תהיה נשמתו מאצילות, יראנו בצבע לבן מתנוצץ. ואם מבריאה, בלתי מתנוצץ. ואם מיצירה, בצבע אדום. ואם מעשייה, בצבע שחור. ואותו אות אשר לא יוכל לצייר בקל במחשבתו, הוא האות שפגם בו, וצריך לתקן אותו בתשובה, ואם יראה לפניו השם כשלהבת אש, ידע שאדם שלם הוא בלי חטא.

עס רוהט אין אים דער אור השם - דעם אויבערשטנ'ס נאמען, איז ווען ער פארמאכט די אויגן זעט ער דעם שם הוי"ה.

נאר דער אר"י הקדוש זאגט אז אנדערע זעען עס שווארץ - 'כְּאֵש שחורה על גבי אש לבנה', און אנדערע זעען עס ווייס, אנדערע זעען עס רויט, אנדערע זעען עס גרין, כל אחד כפי שרשו.

איז טאמער ער האט עפעס פוגם געווען אין אַן 'עשה' אדער 'לא תעשה', ווערט מטושטש אַן אות, וואס דורך דעם אות - אויב ווייסט ער די סודות פון דער תורה - קען ער זוכן וואספארא זאך ער האט פוגם געווען וואס דערפאר איז דער אות דא מטושטש.

מען דערציילט אפילו אויף די ליטווישע גדולים - אויף רבי זונדל סאלאנטער, ער איז געווען דער גרעסטער תלמיד פון רבי חיים וואלאזשינער, ער איז געווען א גרויסער עניו, א גרויסער עובד, א מסגף, א גאון.

אז מען פלעגט אים ווייזן א כלי, האט ער געוואוסט צו עס איז געטובל'ט צו עס איז נישט געטובל'ט. האט מען אים געפרעגט פון וואנעט ווייסט ער. האט ער געזאגט, אז ער קוקט אויף א כלי, טראכט ער דעם שם הוי"ה אויף דער כלי, און אויף א נישט געטובל'טן כלי קלאפט נישט בשום אופן דער שם הוי"ה אויף דעם.

אוודאי ביי אונז איז עס נישט קיין סימן, עס איז זיך נישט מצייר קיין שם הוי"ה - ווייל **מיר** זענען נישט געטובל'ט...

אבער בשעת א מענטש איז מושלם און ער קוקט אויף א זאך - און ער טראכט נאר אפילו פון דעם שם הוי"ה, זעט ער דעם שם הוי"ה.

## בלויז איין הסתרה

על-כל-פנים, דורך די עבירות פאלט מען אריין אין א הסתרה, און די הסתרה מאכט עס ווי היתר, און אז עס ווערט כהיתר, ווערט אויס דער פחד השם, פאלט ער אריין אין א רשות אחרת.

אט דאס איז דער **'כיון שעבר ושנה נעשית לו כהיתר'**.

זאגט דער רבי: **'זה בחינת הסתרה אחת'** - אט דאס איז איין הסתרה.

וואס איז פשט 'נאר איין הסתרה'? ווייל כאטש עס איז טאקע 'נעשית לו כהיתר', ער איז טאקע ווייט פון דעם אויבערשטן, ער קען זיך נישט ארויסדרייען, די סטרא אחרא האלט אים פארבונדן, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים[יא]: **"בְּאֹרַח זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ פַח לִי!"**.

רבי נתן זאגט דאך[יב], דער תהלים איז געזאגט געווארן פאר יעדן אידן - פאר יעדן איינעם - אז ער זאל דאס אויסטייטשן אויף זיך; **"באורך זו אהלך"** - אוואו איך גיי, **"טמנו פח לי"** - איך קען נישט; אז איך וויל פון דער זייט מקורב ווערן צום אויבערשטן - שטערט מען מיר - אוואו מען גייט! די סטרא אחרא נעמט ארום דעם מענטש אזוי ווי א מצודה, ער לאזט אים נישט ארויסגיין פון דער סטרא אחרא[יג].

---

**יא.** תהלים קמב, ד'.

**יב.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א: **אמירת תהלים וכיוצא צריך לראות, שימצא את עצמו בתוך כל מזמורי תהלים ובתוך כל התחינות ובקשות וסליחות וכיוצא. ובקל בפשיטות בלי חכמות יכולין למצוא את עצמו בתוך כל התחינות ובקשות, ובפרט בתהלים, שנאמר בשביל כלל ישראל, בשביל כל אחד ואחד בפרט**. גם עיין שם סי' קכ"ה. גם עיין בליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ד, אות ט"ז: **לא נמצא שום רשע ובעל עבירה בעולם שלא יוכל למצוא את עצמו בספר תהלים הכולל כל באי עולם בכל הדורות ובכל המדריגות שבעולם מראש ועד סוף עד תכלית הירידה שאין ירידה אחריו רחמנא ליצלן, לכולם הוא מעורר בצעקותיו ותפלותיו לשוב לה' יתברך**.

**יג.** עיין ליקוטי הלכות הל' גיטין ה"ג, אות כ"ה: וזהו בחינת (שם קמב) **באורח זו אהלך טמנו פח לי, רשת הכינו לפעמי** וכו' (שם נז). היינו שדוד המלך ע"ה התפלל על כלל ישראל, וראה שיש שנופלים כל כך עד שנדמה להם שאין להם שום עצה איך לצאת מן החושך וכנ"ל, **כי בכל דרך ועצה שרוצים לילך כדי לזכות להתקרב אליו יתברך טומנים פחים ורשתות הרבה עליהם ומקלקלים עצתם תמיד**, אבל באמת כל תקנתם הוא זהו בעצמו שיצעקו כך להשם יתברך וירגישו בעצמם זה האמת בעצמו שאין יודעין שום עצה, ויתפללו הרבה על זה להשם יתברך, ואז יזכו שתהיה הירידה תכלית העליה.

אבער עם-כל-זה ווייסט ער דאך אז ער איז אין דער סטרא אחרא, ער ווייסט אז ער איז אין געפענגעניש; דערפאר רופט זיך עס 'הסתרה אחת'.

### די צוויי-פאכיגע הסתרה

**"אֲבָל כְּשֶׁעָבַר יוֹתֵר חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִסְתָּר מִמֶּנּוּ בִּבְחִינַת הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה, וַאֲזַי קָשֶׁה מְאֹד לִמְצֹא אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ".**

אז ער איז נאך מוסיף חטא על פשע חס ושלום, קען ער ארייַנפאלן אמאל אין אזא הסתרה וואס רופט זיך שוין 'הסתרה שבתוך הסתרה', וואס דארט איז שוין זייער שווער צו געפינען השם יתברך.

פארוואס? ווייל ער ווייסט אפילו נישט אז ער איז אין א הסתרה, ער ווערט אזוי רחוק פון דעם אויבערשטן, אז ער האלט אז דאס (-גשמיות) איז דער עיקר, עס ווערט אינגאנצן נשכח אין אים דער אמת, עס ווערט אינגאנצן נשכח דער תכלית, דער עולם עובר ווערט ביי אים ווי גלייך "נאר דאס איז דא", קיין אנדערע זאך - נישט, ער איז אזוי ווי א בעל חי', ער האט אינגאנצן נישט קיין מח.

קומט אויס, איז דא נאך א הסתרה, ווייל ער ווייסט גארנישט אז ער איז ווייט פון דעם אויבערשטן און אז אזוי דארף מען זיך פירן – אט דאס איז 'הסתרה שבתוך הסתרה'[יד].

---

**יד.** עיין אוסף מכתבים (ח"א מכתב קכ"ה) וז"ל מורינו שליט"א: ראיתי פעם מהרה"ק רבי ברוך ממעזבוז זי"ע בספר בוצינא דנהורא שנכדו היה משחק במשחק 'מחבואים' [באהעלטעניש] כדרך הילדים, שאחד מתחבא והשני מחפשו, והיה נכדו מתחבא וחבירו היה צריך לחפשו, ושהה הרבה במחבואו. וכשהאריך הזמן למעלה מהמשוער, יצא הנכד ממחבואו וראה שחבירו משחק עם ילדים אחרים ואילו אחריו לא חפשו כלל... הדבר ציער אותו ונפשו עגמה עליו, והלך וספר זאת לזקנו הק' הרבי רבי ברוך זצ"ל. והתחיל הרבי רבי ברוך לבכות הרבה ע"ז. והי' הדבר תמוה בעיני כולם שהצדיק הזה בכה על דבר פשוט כזה. ושאלוהו על כן, והשיב, כי שמע במעשה זו צער גלות השכינה, והיינו ששמע מזה שהשי"ת הסתתר והתכנף בתוך

## דער טייטש פון "לשמה"

### "אֲבָל בִּבְחִינַת עֵסֶק הַתּוֹרָה יְכוֹלִין לְעוֹרֵר גַּם אוֹתוֹ וּלְהוֹדִיעוֹ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיֵּשׁ לוֹ תִּקְוָה גַּם כֵּן עַד שֶׁיָּשׁוּב אֶל הָאֱמֶת וְיִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".

דאס הייסט, דער רבי רעדט דארט אין דער תורה - דאס איז "תורה נ"ו", אז יעדער מענטש האט א מלכות אין וואס אסאך נשמות זענען תלוי אין אים.

איז טאקע דא אזעלכע וואס אין זיי זענען תלוי אסאך נשמות, וואס ווען זיי לערנען קענען זיי מעורר זיין די נשמות וואס זענען תלוי אין זיי, ווייל די נשמות גייען אזוי ווי בוים וואס יעדער צווייג האט א קלענערע צווייגעלעך.

איז טאמער איז דא איינער פון יענעמ'ס שורש נשמה וואס לערנט תורה, קען ער יענעם דערוועקן צו השם יתברך 'ממקום שהוא, אפילו בהסתרה שבתוך ההסתרה'[טו].

דער רבי זאגט דארטן אין דער תורה, די תורה הקדושה דאס איז 'שמותיו של הקדוש ברוך הוא'[טז] - דארטן ליגט דער אויבערשטער.

עס שטייט פון בעל שם טוב[יז]: דאס ענין פון "תורה לשמָה" איז - לשם דעם אלוקות וואס ליגט אין דער תורה און אין תפילה, אט דאס איז דער 'לשמָה' - לשם דעם אלוקות.

---

הנהגת העולמות כדי שנדרשהו ויתגלה לנו. ובמקום זה כל איש פנה לבצעו ולתאוותו ושכינה מה אומרת...

**טו.** עיין כל זה ביתר ביאור בליקוטי מוהר"ן שם בפנים אות ג'.

**טז.** תיקו"ז תיקון י' דף כה ע"ב.

**יז.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' ויצא אות י"א: **קיבלתי ממורי שעיקר עסק תורה ותפלה שידביק את עצמו אל פנימיות רוחניות אור אין סוף שבתוך אותיות התורה והתפלה, שהוא נקרא לימוד לשמה**, שבזה אמר ר' מאיר (בפ"ו דאבות) כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה ומגלין לו רזי תורה וכו', ר"ל שידע עתידות וכל מאורעותיו מתוך התורה, וידע איך

די צדיקים וואס זיי לערנען, צו אפילו יעדער ערליכער איד וואס זיצט און לערנט תורת השם, זאגט ער דורכדעם מוסר און תוכחה און איז מגלה אלוקותו פאר אט די אלע וואס זענען פון זיין שורש, וואס אפילו זיי זענען דערווייטערט, דערוועקן זיי זיך צו השם יתברך.

קומט אויס, אפילו 'בהסתרה שבתוך הסתרה' האט ער אויך תקוה זיך צו דערוועקן דורכדעם וואס די צדיקי אמת לערנען און דאווענען, וואס דורכדעם זענען זיי מעורר די נשמות וואס געפינען זיך אין 'הסתרה שבתוך הסתרה'.

## אנהויבן שאקלען דער ליפן

**"כִּי בֶּאֱמֶת בְּכֹחַ הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ תָּמִיד בְּכָל עֵת אֵיךְ שֶׁהֵם בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם".**

אינ'אמת'ן, דאס אליין שיינען אריין די צדיקי אמת, אז אַוואו ער געפינט זיך נאר, זאל ער נישט קוקן אז ער איז ווייט, זאל ער נישט קוקן אז ער איז מיואש, נאר ער זאל אנהויבן צו לערנען, אנהויבן צו זאגן.

דער רבי ברענגט טאקע אראפ אין תורה י"א: "יוחנא" און "ממרא" (- ראשי המכשפים של מצרים) האבן געזאגט משה רבינו'ן: **"תבן אתה מכניס לעפריים?"**.

דער פשוט'ער פשט איז, 'עפריים' מיינט א פלאץ וואו עס דא אסאך עפר. (האבן זיי געפרעגט:) אויף א פלאץ פון אסאך פעלדער וואו עס וואקסט אסאך תבואה און עס איז דא אסאך תבן, קומסטו דא פארקויפן תבואה?! דאס הייסט, דו קומסט ווייזן מופתים אין א פלאץ וואו עס איז דא אסאך כישוף? וואס ברענגסטו דא 'תבן'? עס איז דאך דא הוילע 'תבן', גייסטו דא ברענגען 'תבן'? האט ער זיי

יתנהג בתורה ועבודת השם יתברך, ומלבד מה שרואה עולמות של מעלה, וכהנה שמעתי מפי מורי ודפח"ח.

געגנטפערט: "**אמרי אינשי**" - די וועלט זאגט, "**למתא ירקא - ירקא שקול**" - א פלאץ וואו מען קויפט ירקות, ברענג דיינע ירקות אויך - און מען וועט עס פארקויפן.

אבער דער רבי טייטשט: "תבן אתה מכניס לעפריים" - אט די וואס זיי ליגן שוין גאר 'עד עפר', אזוי ווי עס שטייט[יח]: "**כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ, דָּבְקָה לָאָרֶץ בִּטְנֵנוּ**", ווילסטו זיי אויפהויבן און אריינברענגען דארטן (תב"ן -) 'תבונו"ת התורה'?!

האט משה רבינו געענטפערט: "אמרי אינשי" - איך וועל זיי הייסן זאגן - 'מאכט מיט דער ליפן - זאגט, זאג דברי תורה, זאג תהלים, זאג תפילה, לערן משניות, לערן גמרא, לערן'. און דעמאלט, "למתא ירקא", טייטש דער רבי, תשובה נעמט זיך דאך פון 'בינה', און בינה רופט זיך 'קו ירוק' וואס איז מקיף את העולם[יט]; עס וועט זיי צוברענגען 'למתא ירקא' - צו תשובה, עס וועט זיי ברענגען מדרגא לדרגא, ביז עס וועט זיי צוברענגען צו 'תבונות התורה לעומקה'[כ].

זאגט ער, דאס אליין אז דער צדיק לערנט, מיט דעם אליין שיינט ער טאקע אריין אין אט די אלע וואס זענען אין אזעלכע פלעצער, אז עס דערוועקט זיי צו מאכן מיט דער ליפן, ממילא וועלן זיי קענען פון דארטן מקורב ווערן צום אויבערשטן.

## ביי מיד זענט איר "מיינע קינדער"

דער אויבערשטער דארף א יעדן אידן!

**יח.** תהלים מד, כ"ו.

**יט.** עיין תיקו"ז דף י' ע"א. [עיין גם בליקו"מ סי' יב אות ד'].

**כ.** וזל"ש: וזהו: **'אמרי אנשי'**, למתא ירקא', היינו על ידי האמירות והדיבור של איש הישראלי, **'למתא ירקא'** - למקומות שצריך לעשות תשובה, יאיר לו הדיבור, שיוכל לעשות תשובה. וזה: **'ירקא שקול'** בחינת תשובת המשקל, שהדיבור יאיר לו שיוכל לעשות תשובת המשקל ממש, עכ"ל. ובליקוטי עצות מסיים על זה בזה"ל: **וכן בכל פעם ופעם על ידי כל תשובה ותשובה הוא הולך ממדריגה למדריגה, עד שיוצא ממדריגה פחותה ובא לתבונות התורה לעומקה**.

יעדער איינער איז א בן יחיד פאר השם יתברך!

דער אויבערשטער וויינט אפילו - - די גמרא זאגט[כא]: **'הקדוש ברוך הוא בוכה על דמן של רשעים!'** - דער אויבערשטער וויינט אויף יעדן איינעם, ער וויל אז קיינער זאל נישט פארפאלן ווערן!

עס איז דא א מדרש[כב] אויפן פסוק[כג]: **"הֲלוֹא כִבְנֵי כֻשִׁיִּים אַתֶּם לִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְאֻם ה'"**. זאגט דער מדרש: "הלוא כבני כושיים - **אתם**" – איר מיינט טאקע אז איר זענט 'כושיים' און אז איר זענט ווייט פון מיר - איר מיינט אז איר קענט זיך פירן אזוי ווי כושיים רחמנא ליצלן; אבער **"לי"** - ביי מיר - ביים אויבערשטן, **"בני ישראל"** – זענט איר מיינע קינדער, זענט איר 'בני ישראל'!

דער אויבערשטער דארף יעדן יעדן איינעם באזונדער!

דער צדיק בכח תורתו וואס ער לערנט, דערוועקט ער א הארה אז יעדער איינער זאל קענען בכח התורה מקורב ווערן צו השם יתברך.

## "וְחִכִּיתִי לַה' הַמַּסְתִּיר פָּנָיו"

עס איז מיר טאקע איינגעפאלן; עס איז דא א פסוק אין ישעיה ח'[כד]: **"וְחִכִּיתִי לַה' הַמַּסְתִּיר פָּנָיו מִבֵּית יַעֲקֹב - וְקִוֵּיתִי לוֹ"**. דאס הייסט, אפילו דער אויבערשטער איז 'מסתיר פניו מבית יעקב' האלט איך זיך אין אים!

איך בענק צו אים!

---

**כא.** עיין מגילה סוף י' ע"ב - **'שאין הקב"ה שמח במפלתן של רשעים'**. ובסנהדרין מ"ו ע"א - **'שהקב"ה מצטער על דמן של רשעים שנשפך'**.

**כב.** שיר השירים רבה א', ל"ד.

**כג.** עמוס ט', ז'.

**כד.** י"ז.

איך האף צו אים!

איז רש"י זאגט דארט אין דעם קאפיטל: **"אין לך נבואה קשה כאותה שעה שאמר משה 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא'"** - עס איז נישטא אזא נבואה קשה ווי ווען משה רבינו האט געהערט פון דעם אויבערשטן די נבואה - "דו זאלסט וויסן, עס וועט קומען א צייט פון 'הסתר אסתיר'" - עס וועט זיין א 'הסתרה שבתוך הסתרה'; און אזוי ווי דער רבי זאגט, נישט נאר מען איז ווייט פון דעם אויבערשטן און מען ווייסט אז מען איז ווייט, נאר מען וועט גאר נישט וויסן אז מען איז ווייט; זאגט רש"י, דאס איז די ערגסטע נבואה וואס משה רבינו האט געהערט פון דעם אויבערשטן אז עס וועט זיין אזא צייט פון 'הסתיר אסתיר'.

זאגט רש"י: **"בו ביום"** - אין דעם זעלבן טאג וואס משה רבינו האט געהערט די נבואה פון דעם אויבערשטן פון "ואנכי הסתיר אסתיר", האט ער געהערט נאך א נבואה, דער אויבערשטער האט אים דעמאלט צוגעזאגט: **"כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ"** - די תורה וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן!

[דער רבי זאגט דאך[כה]: **"בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי"** - אוואו עס איז דא א צרה, איז דא א הרחבה].

אט דאס זעט מען טאקע היינטיגע צייט, עס איז דא א שטארקע **"הסתיר אסתיר"** - און עס איז **"לא תשכח מפי זרעו"**[כו].

---

**כה.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"ה: **"בצר הרחבת לי"** (תהלים ד'), **היינו שגם אפילו בהצרה בעצמה, השם יתברך מרחיב לנו**, כי אם יסתכל האדם על חסדי ה'. יראֶה, שאפילו בעת שהשם יתברך מיצר לו, גם בהצרה בעצמה, השם יתברך מרחיב לו, ומגדיל חסדו עמו. וזה: **"בצר הרחבת לי"**, היינו אפילו בתוך הצרה בעצמה, נתת לי הרחבה בתוכה, מלבד מה שאנו מצפים שהשם יתברך יושיענו בקרוב מכל הצרות, וייטיב עמנו מאד, אך **אפילו גם בהצרה בעצמה מרחיב לנו**.

**כו.** עיין 'דרך כוכב' (תורה ב' שיעור ז') מה שמפרש מורינו שליט"א בזה, וז"ל: וכפי שאנו זוכים לראות בעינינו כיום הזה, גלוי ממש לכל; שאף על פי שבעוונותינו הרבים יש הסתר

פון רבי'ן דא קומט דאס טאקע אויס זייער גוט; ווייל דורך די תורה, דורך "כי לא תשכח מפי זרעו" (- היינו ע"י שעוסקין בתורה), מיט דעם גייט מען טאקע ארויס פון דעם 'הסתיר אסתיר' - פון דער 'הסתרה שבתוך הסתרה'[כז].

*

## אות י"ג

**בַּמְּקוֹמוֹת הַנְּמוּכִים מְאֹד וּרְחוֹקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שָׁם דַּיְקָא מְלֻבָּשׁ חִיּוּת גָּבוֹהַּ מְאֹד בִּבְחִינַת סִתְרֵי תוֹרָה.**

**עַל כֵּן מִי שֶׁנָּפַל מְאֹד חַס וְשָׁלוֹם, צָרִיךְ שֶׁיֵּדַע זֹאת שֶׁשָּׁם בִּמְקוֹמוֹ דַּיְקָא יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר כִּי שָׁם דַּיְקָא נֶעֱלָם חִיּוּת גָּבוֹהַּ מְאֹד וּכְשֶׁיִּזְכֶּה לָשׁוּב אֶל הַשֵּׁם, יִתְגַּלֶּה עַל יָדוֹ דַּיְקָא תּוֹרָה גְּבוֹהָה, דְּהַיְנוּ סִתְרֵי תוֹרָה.**

אין די גאר נידריגע און ווייטע ערטער פון דעם אויבערשטן, דווקא דארט איז מלובש גאר א הויכן חיות [פון דער קדושה] אין א בחינה פון 'סתרי תורה'.

---

פנים קשה כזה, הסתרה שבתוך הסתרה שלא היתה כמוה מעולם, עם כל זה לימוד התורה הק' נפוץ מאוד, מדפיסים ספרים קדושים לאלפים ולרבבות ולומדים בהם בכל מקומות פזורי ישראל, הפלא ופלא.

**כז.** עיין גם ליקוטי הלכות הל' חכירות וקבלנות ה"ב, אות י"ב, וז"ל: **והכלל שהתורה הקדושה היא יורדת אפילו בעמקי תהום לעורר אפילו את הפחות שבפחותים, להשי"ת וע"י עסק התורה יכולין להתקרב להש"י אפילו משאול תחתיות ח"ו**, וכשארז"ל אין דברי תורה מקבלין טומאה, וע"כ אפילו הזבין והמצורעים וכו' עוסקין בתורה וכו', זה רמז שאפילו אלו שהם בסטרא דמסאבותא גם הם צריכין לעסוק בתורה, כי התורה תקרב גם אותם להש"י, כ"ש **והסתרתי פני וכו' וענתה השירה הזאת לפניו וכו' כי לא תשכח מפי זרעו**, היינו שאפילו כשישראל הם חוטאים ח"ו, עי"ז היו מתרחקים מהשי"ת בבחי' הסתרת פנים ח"ו, **אבל התורה תקרב אותם אפילו בעת שהם נזופים ורחוקים ח"ו מצד מעשיהם אעפ"כ התורה תרד עמהם למקום שהם שם, וממקום שהם תקרב אותם להשי"ת ותחזירם בתשובה בבחי' וענתה השירה הזאת וכו' כי לא תשכח וכו'** ... וכמבואר כל זה היטב במאמר **"אני**

דערפאר, ווער עס איז גאר שטארק אראפגעפאלן חס ושלום, דארף וויסן אז דווקא דארט אין זיין ארט קען ער זיך נאכמער דערנענטערן צום אויבערשטן, ווייל דווקא דארט ליגט באהאלטן גאר א הויכן חיות, און אז ער וועט זוכה זיין זיך צוריקצוקערן צום אויבערשטן, וועט דווקא דורך אים אנטפלעקט ווערן גאר הויכע תורה וואס דאס הייסט 'סתרי תורה'.

(ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו)

## ממשיך זיין חיות פון דעם העכסטן פלאץ

**"בַּמְּקוֹמוֹת הַנְּמוּכִים מְאֹד וּרְחוֹקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שָׁם דַּיְקָא מְלֻבָּשׁ חִיּוּת גָּבוֹהַּ מְאֹד בִּבְחִינַת סִתְרֵי תּוֹרָה".**

דער רבי זאגט[כח]; עס שטייט[כט]: "**בעשרה מאמרות נברא העולם**" - די עשרה מאמרות דאס איז מחיה דער בריאה.

עס שטייט טאקע פון בעל שם טוב[ל]: "**בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ**" - אויף די ווערטער "יהי רקיע" - אויף די דיבורים איז דא דער הימל, אט דאס איז מחיה דער רקיע, און אזוי ווייטער לעבט די גאנצע וועלט פון דעם דבר ה'; און אז דער אויבערשטער העלפט, און דער

---

**ה' הוא שמי"** וכו' (סי' יא י"א) **שע"י דיבורי התורה יכולין לצאת ממדריגה פחותה ושפילה למדרגה גבוה מאד**, כי דיבורי התורה מאירין לו.

**כח.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ב.

**כט.** משניות אבות פ"ה, מ"א.

**ל.** כתר שם טוב (בדפו"י דף יח ע"ב): דאמרו רבותינו ז"ל (אבות פרק ה') בעשרה מאמרות נברא העולם, פירוש, **על ידי המאמרות עצמן נתהווה הכל**, דמאמרו של הקדוש ברוך הוא מרום וקדוש, **ותיכף כשאמר הקדוש ברוך הוא יהי רקיע - נתהווה הרקיע**, וכמו שנאמר (תהלים ל"ג) **"בדבר ה' שמים נעשו"**, ונכנס המאמר ההוא בחיות פנימי להחיות הרקיע כל ימי עולם שיעמוד כמו שנאמר (תהלים קי"ט) לעולם ה' דברך נצב בשמים, וכן כשאמר תוצא הארץ דשא ועץ פרי או תוצא הארץ נפש חיה, אותו המאמר היה מהווה הכל, והמאמר הזה הוא חיות פנימי להם.

מענטש נעמט זיך צום אויבערשטן, שיינט אים דער דבר ה' וואס איז דא אין דער בריאה.

על-כל-פנים, זאגט די גמרא, עס איז דא 'עשרה מאמרות'. פרעגט די גמרא[לא], אין פרשת 'מעשה בראשית' שטייט דאך נאר ניין מאל "ויאמר"? ענטפערט די גמרא, 'בראשית' איז אויך א 'מאמר'.

זאגט דארט דער רבי, עס ווערט געבראכט[לב], אינ'אמת'ן שטייט דאך נישט "ויאמר", נאר די גמרא זאגט אז "בראשית" הייסט יא א 'מאמר', נאר עס רופט זיך 'מאמר סתום'; דערפאר איז דא דארטן די גרעסטע גילויים, וואס דאס איז מחיה די 'מקומות הנמוכים ביותר'!

קומט אויס, אז א מענטש פאלט אריין במקומות הנמוכים, און איז דארטן ממליך דעם אויבערשטן, ער שטארקט זיך דארטן, ער הויבט אָן פון דארטן צו דינען השם יתברך, ער הויבט אָן פון דארטן צו בענקען צום אויבערשטן, איז דערנאך אז דער אויבערשטער העלפט אים אז ער גייט ארויס, ווערט אים נתגלה הויכע ענינים וואס רופט זיך 'סתרי תורה'.

## אלע ווען זיך אומקערן!

**"עַל כֵּן מִי שֶׁנָּפַל מְאֹד חַס וְשָׁלוֹם, צָרִיךְ שֶׁיֵּדַע זֹאת שֶׁשָּׁם בִּמְקוֹמוֹ דַּיְקָא יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר, כִּי שָׁם דַּיְקָא נֶעֱלָם חִיּוּת גָּבוֹהַּ מְאֹד, וּכְשֶׁיִּזְכֶּה לָשׁוּב אֶל הַשֵּׁם, יִתְגַּלֶּה עַל יָדוֹ דַּיְקָא תּוֹרָה גְּבוֹהָ, דְּהַיְנוּ סִתְרֵי תּוֹרָה".**

דאס וואס דער רבי זאגט דא אז עס זענען דא וואס געפינען זיך אין א 'הסתרה', און עס איז דא וואס געפינען זיך 'בהסתרה שבתוך

---

**לא.** ראש השנה לב ע"א.

**לב.** עיין חידושי אגדות למהרש"א, על מס' שבת קד ע"א, ד"ה "מ"ט מהדר אפיה דד' מג'".

הסתרה', אט די זאך שטייט פון דעם בעל שם טוב אויפן פסוק[לג]: **"וּבָאוּ הָאֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר וְהַנִּדָּחִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם"**.

דער בעל שם טוב פרעגט[לד], וואס איז דאס אַן 'אבוד' - און וואס איז דאס א 'נידח'? זאגט דער בעל שם, א נידח איז דער וואס ער ווייסט אז ער נישט נאנט צום אויבערשטן - און עס איז אים זייער ביטער, נאר דער בעל דבר האט אים געפאנגען, ער קען נישט ארויסגיין.

אזוי ווי רבי נתן שרייט אין ליקוטי תפילות[לה]: **"צוֹד צָדוּנִי כַּצִּפּוֹר אֹיְבַי חִנָּם"**, מען איז געפאנגען, מען קען נישט ארויסגיין – אט דער רופט זיך א נידח, ער געפינט זיך אין ארץ מצרים, ער געפינט זיך אין אזא געפענגעניש אז ער קען נישט ארויסגיין.

---

**לג.** ישעי' כז י"ג.

**לד.** עיין אהבת דודים (להרה"ק מוהר"ב מזאלשין, שנת תקנ"ה) על שיר השירים עה"פ "הנך יפה": **שמעתי אומרים משם הישיש הוותיק איש אלהים מו"ה ישראל בעל שם טוב ממעזיבוז על פסוק "ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים"** וגו'. דהאדם שסובר בדעתו שהוא יוצא ידי שמים והוא מאושר בכל דרכיו ואינו מקצר בעבודה, זה האדם הוא אובד ח"ו עדי עד, ואין לו תקומה ר"ל כל ימיו, כי בוודאי עדיין לא התחיל בעבודה ואינו יודע האמת, וימות בלא חכמה, והוא בשקר כל ימיו, מה שאין כן כשהוא צדיק, יודע הוא האמת ומבין רוממותו יתברך שמו, וכל מה שעובד יותר ובא לאיזה מדרגה, מבין הוא יותר רוממותו יתברך שמו, ורואה שכל ימיו היה מקצר בעבודה, ומי לנו גדול ממשה רבינו עליו השלום, שקודם מותו אמר (בפ' ואתחנן) **"אתה החילות להראות את עבדך וגו'"**, שהיה אצלו כל עבודתו עד עכשיו רק להתחלת עבודה, וסובר בדעתו שהוא נדח ח"ו ממנו יתברך שמו, ושעדיין לא הגיע למעלת הצדיק, ועל זה אמר הכתוב ובאו האובדים בארץ אשור, היינו אותם שהם בארץ אשור, שסוברים בדעתם שהם מאושרים בכל מעשיהם, אלו נקראים אובדים, והנדחים שסוברים בדעתם שהם בארץ מצרים, ר"ל מצר ים שעדיין לא הגיעו למעלתם, אותם נקראים רק נדחים ולא אובדים ודפח"ח.

**לה.** עיין תפלה ל"ז: אלקי ואלקי אבותי, יגוללו רחמיך על מידותיך, יהמו ויכמרו רחמי לבך על נפשי האומללה והעלובה מאד מאד, על נפשי הרעבה והצמאה והעייפה מאד, על נפש מרה כזו, נפש הלכודה בכבלי עני וברזל, באלפים ורבבות רשתות ומצודות כצפרים האחוזות בפח, נפש העשוקה מאד מלא רחמים וכו', ע"כ, ועוד רבות כהנה.

אבער "והאובדים"; וואס איז אַן 'אבוד'? אַן אבוד איז דער וואס 'כל דרכיו דומין לו כמישור', ער מיינט אז מען דארף זינדיגן, ער מיינט אז מען דארף גיין אויפן נישט גוטן וועג, ער מיינט חס ושלום אז דאס איז דער גוטער וועג - דער איז אַן אבוד, דער געפינט זיך אין ארץ אשור.

זאגט דער נביא, סוף כל סוף וועט דער אויבערשטער מקרב זיין דעם גאנצן כלל ישראל, "ובאו האובדים" - סיי די אובדים וואס געפינען זיך "בארץ אשור", סיי די "נידחים" וואס געפינען זיך "בארץ מצרים" - אלע וועלן מקורב ווערן סוף כל סוף צו השם יתברך.

# חזק ואחוז עצמך

**"אמונה מיט תפילה איז איין זאך"** – האט דער רבי געזאגט (עיין לקו"מ סי' ט').

דאס הייסט, די אמונה דארף זיין אזוי שטארק, אז עס זאל זיך אליין בעטן, עס זאל זיך אליין בעטן, **'רבונו של עולם, דו פירסט דאך דער וועלט, עס איז דאך 'אין עוד מלבדך' – אלעס איז פון דיר!'** – עס זאל זיך אליין בעטן. און די זעלבע זאך פארקערט, אמונה איז תפילה; מיט תפילה איז מען דאך קונה די אמונה, דארפסטו דאווענען אזוי לאנג ביז דו וועסט איינקויפן די אמונה!

ווען עס גייט איבער עפעס א זאך פון 'למעלה מן השכל' – א איד קען גיין למעלה מן השכל! דער שכל האט דאך דער אויבערשטער באשאפן!

**מיר קענען!**

אבער נאר דורך דעם קען מען צוקומען צו השם יתברך און צו די תורה הקדושה – **נאר דורך תמימות ופשיטות!**

(עצרת חג הפסח שנת תש"ס לפ"ק)